אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע

# א דערהער
## אויף די פרשה

### פרשת יתרו

גליון ג׳



געשריבן און ארויסגעגעבן דורך:

**הרב אליהו יואל גליק**

באזירט אויף די שיעורים
און מאמרים פון
הגה"צ אבד"ק
**ברכת מנחם**
שליט"א

כל הזכיות שמורות

להערות והארות
וכן לקבל הגליון ע"י אימעיל
Ahderher@gmail.com
או אל:
414.533.7437

Design & Layout
sales@imagendesign.net

הגליון י"ל מדי שבועיים בס"ד

# פרשת יתרו

## לימוד התורה, אונזער וועג צו השי"ת און צו אונזער נשמה

### פארוואס ווערט עס גערופן פרשת "יתרו"

דער מח איז אפן, דאס הארץ שפרינגט פאר פרייד יעצט ווען מיר ליינען די פרשה פון קבלת התורה - די צייט ווען מיר זענען געווארן אידן, די צייט ווען מיר זענען פון קנעכט אין מצרים געווארן די קינדער פונעם רבונו של עולם, די צייט ווען מיר האבן מקבל געווען די הייליגע תורה אויפ'ן בארג סיני און זוכה געווען צו ווערן איינס מיט אונזער ליבן טאטן אין הימל און זיין הייליגע לעכטיגע זיסע תורה.

די פרשה ווערט נישט גערופן אויף משה רבינו וואס האט אונז געגעבן די תורה. עס ווערט נישט גערופן אויף די אידן וואס האבן איר מקבל געווען. עס ווערט גערופן אויף יתרו, דער גר

וואס האט אלעס איבערגעלאזט און געקומען מיט מסירות נפש מקבל זיין די תורה.

די לעקציע איז זייער קלאר: זיין א איד ווייל מיין טאטע איז א איד איז נישט קיין גרויסע קונץ. **יעדער איד דארף אליין טרעפן דעם אייבערשטן** ווי אברהם אבינו און יתרו. מיר זענען טאקע גליקליך צו ווערן געבוירן ביי אידישע עלטערן, אבער מיר דארפן "אליינס" טרעפן דעם אייבערשטן, "אליינס" מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים.

דאס וויל אונז די תורה ווייזן מיט'ן רופן די סדרה אויף יתרו, די תורה וויל אונז לערנען אז מען דארף זיין א איד מיט מסירות נפש, מען דארף אליינס טרעפן דעם אייבערשטן, און נישט סתם זיין א איד בלויז ווייל אזוי בין איך געבוירן געווארן.

# תורה געגועים

אויך ביים לערנען תורה דארף מען וויסן און געדענקען אז ס'איז נישט סתם אבי מ'לערנט ווייל מ'איז געוואוינט צו לערנען און האבן א שיעור. נאר דאס זענען הייליגע, געטליכע ווערטער.

**דאס הערצעלע דארף ברענען מיט אהבה געגועים צו אונזער הייליגער תורה.** אוי זיסע תורה הק', איך וויל זיין איינס מיט דיר און איך וויל דו זאלסט זיין איינס מיט מיר. ווען א איד לערנט און איז מקיים די מצוות אין דער תורה אנטפלעקט זיך אין אים די פלאקערדיגע אור ה' אין זיין נשמה, ער ברענגט אריין אין זיך די הייליגע שכינה הק'.

**און וועגן דעם שפירט מען אזוי דערהויבן נאכ'ן לערנען, ווייל ווען די שכינה ווערט נתגלה דא אונטן ביים איד אין דער נשמה דורך לימוד התורה, שפירט מען אזא זיסקייט אז עס ווילט זיך גארנישט עפעס אנדערש אין דער וועלט,** מען וויל נאר נאך און נאך פון דעם טיפן נשמה'דיגן קשר, מען ציט אזוי אויף ארויף מיט א תשוקה, וואס לאזט זיך פשוט נישט שרייבן מיט אותיות.

# לימוד התורה פארברענט דעם ס"ם

חז"ל זאגן אז דער אות "ם" און דער אות "ס" זענען געשטאנען דורך א נס אין די לוחות, ווייל צוליב וואס די צוויי אותיות האבן אן אומבאהאפטענע קעסטעלע אינמיטן, איז עס געשטאנען בנס אין דער לופט.

דאס זאגט אונז עפעס טיפער. ווען א איד לערנט תורה הק' פארברענט ער זיין יצר הרע, דער ס"מ - דער "ס" און דער "ם" - בלייבן הענגען אין דער לופטן אָן קיין אחיזה, זיי האבן זיך נישט וואו אנצוהאלטן אין דעם מענטש, ווייל ווען א איד איז מאיר זיין נשמה מיט לימוד התורה ווערט ער בנס ניצול פון דעם כח פונעם ס"ם.

# דער געוואלדיגער כח פון א אידישע מאמע

אויך פרויען און קינדער האבן א חלק אין אונזער הייליגער תורה, די קינדערלעך אין חדר אדער אין שולע, און די מאמע מיט'ן העלפן איר מאן לערנען און מיט'ן מחנך זיין אירע לעכטיגע קינדער על דרך התורה.

אָן קיין אידישע מאמעס איז נישט דא קיין תורה. די אידישע מאמע האלט אונטער דעם גאנצן בנין פון לימוד התורה מיט איר געוואלדיגער איבערגעגעבנקייט פאר איר מאן, אירע קינדער און מיט'ן מקיים זיין די מצוות פון דער תורה וואס זענען נוגע פאר פרויען מיט'ן גאנצן הארץ און מיט'ן גאנצן תמימות און אמת.

נאר די טרערן פון א אידישע מאמע ביי ליכט צינדן פאר דער הצלחה פון איר מאן און קינדער, קען איינזייען דורות פון בני תורה. די אידישע מאמע איז דער יסוד פון א אידישע שטוב אין אזוי פיל וועגן, און מיר

דארפן שעצן און דאנקען אונזערע אידישע מאמעס פאר די כוחות זיי לייגן אריין צו בויען און פלעגן הייליגע לעכטיגע אידישע דורות.

## א קשר אפילו אין די שווערסטע זמנים

ווען דער חתן איז מקדש די כלה מיט'ן רינגל אונטער דער חופה זאגט ער דעם לשון "הרי את מקודשת לי", אט ביסטו אפגעשיידט צו מיר, "בטבעת זו", מיט דעם רינגל, "כדת משה וישראל", אזוי ווי די הלכה פון משה רבינו און כלל ישראל.

שטעלט זיך א פראגע, פארוואס נאר ביי דער מצוה פון חתונה האבן נוצט מען דעם לשון פון "כדת משה וישראל", פארוואס ביים מקיים זיין אנדערע מצוות ווי למשל ביים אנטון תפילין אדער ביים שאקלען לולב זאגט מען נישט אז מען טוט דאס "כדת משה וישראל"?

האט דער גרויסער גאון **רבי אבא הערצל זצ"ל**, דער מגיד פון פרעשבורג און מחבר פון 'שפתי חכמים' על הש"ס, געענטפערט א זיסן טעם:

ווען די אידן זענען אדורך דעם מדבר זענען געווען גוטע צייטן און שווערע צייטן. מען האט מקבל געווען די תורה, געבויט א משכן און עס זענען געווען אזוי פיל אנדערע לעכטיגע צייטן. אבער עס זענען אויך געווען שווערע צייטן ווי דער עגל, די מרגלים. אבער נישט קיין חילוק וואס איז נאר אריבער אויף "משה וישראל" זענען זיי געבליבן איינס. עס איז טאקע געווען שווערע צייטן אבער צוזאמען איז מען ווייטער געגאנגען דורך דעם שווערן מדבר פאר פערציג יאר, משה איז געבליבן דער רבי און כלל ישראל איז געבליבן כלל ישראל, און מען האט כסדר פארקוקט אויף די שוועריגקייטן און נאר געגאנגען ווייטער צום ענדגילטיגן ציל אריין קיין ארץ ישראל.

דערפאר בעטן מיר ביי דער חופה צווישן א חתן און כלה אז דער קשר

זאל זיין "כדת משה ישראל", אז אפילו אויב עס מאכט זיך אמאל חלילה שווערע צייטן, זאל דער קשר בלייבן אויף אייביג און אז מען זאל זוכה זיין צוזאמען מיט שלום און אהבה דורכצוגיין די זמנים מיט א שטארקייט אָן חלילה א פירוד לבבות.

## דער פאדים וואס האלט אונז ביים לעבן

**קבלת התורה איז אויך געווען א חתונה צווישן כביכול דעם אייבערשטן און כלל ישראל. ווען עס** קומט צו לימוד התורה דארפן מיר אויך בעטן אז עס זאל זיין א קשר פון "כדת משה וישראל" אז אפילו ווען מען גייט חלילה דורך שווערע צייטן, מען האט א שווערן טאג, מען האט נישט קיין צייט, דארף מען ווייטער אנהאלטן דעם קשר מיט די תורה, ווייטער אנהאלטן א שיעור קבוע, ווייטער געבן לעבן פאר דער אידישער נשמה און גיסן ריינע תורה אויל אויפ'ן נשמה פייער.

**אפילו אויב מען איז פארנומען מיט די קינדער, אפילו מען לויפט אויף שמחות, אפילו מען איז פארנומען מיט טירדות און פרנסה, דארפן מיר געדענקען אז אָן קיין תורה קען מען נישט זיין א איד.**

אויב די נשמה האט נישט קיין טעגליכע לימוד התורה איז זי אין א שרעקליכן געפאר פון פארלירן איר שיין און וויכטיגן קשר פון "כדת משה וישראל".

## מיר זענען איינס!

**זיסער גאטעניו, העלף אונז** אנהאלטן דעם קריטישן קשר מיט דיר און דיין תורה. מיר גייען דיך קיינמאל נישט אפלאזן, אפילו דער פאדים וואס איז אונז מקשר ווערט חלילה פון צייט צו צייט זייער דין. מיר וועלן זיך אנכאפן אין דעם אקסעדזשין ליניע מיט אלע כוחות. מיר וועלן מיט דיין הילף מאכן דעם פאדים דיקער און דיקער ווייל מיר **ווילן זיין נאנט מיט דיר! מיר ווילן זיך**

**מקשר זיין אין דיין בוים פון לעבן!** מיר ווילן אזוי שטארק זיין איינס מיט דיר, אפילו אויב דער מצב איז אמאל ענג און שווער.

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד. "שְׁמַע", הערטס אידעלעך, "יִשְׂרָאֵל" צוזאמען מיט "ה' אֱלֹקֵינוּ" זענען אינאיינעם "אֶחָד". מיר ווילן און זענען ביידע צוזאמען איינס, אבער דאס איז נאר דורך "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" מיט "וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ". מיר קענען נאר זיין איינס אויב מיר לערנען תורה. מיר קענען נאר זיין איינס מיט אהבת ה' און יראת ה'.

# א זולצבאך ש"ס איז אויך א ש"ס

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט דערציילט אז אין וואלאזשין איז געווען א פשוט'ער איד וואס איז געווען א גרויסער מתמיד, וואס מען האט געזאגט אויף אים אז ער האט שוין פיל מאל געענדיגט ש"ס.

**ווען רבי חיים וואלאזשינער** זי"ע האט געהערט איבער דעם איד, האט ער אנגעהויבן זיך אויפשטעלן יעדעס מאל ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש.

די תלמידים האבן זיך זייער געוואונדערט. דער איד איז דאך א פשוט'ער איד. ער לערנט טאקע אסאך, אבער ער פארשטייט נישט דעם עומק פון וואס ער לערנט. פארוואס שטעלט זיך דער רבי אויף פאר אים?

האט רבי חיים געזאגט, עס זענען דא צוויי סארטן דפוסים פון ש"ס; עס איז דא דער באקאנטער טייערער ש"ס וואס מען האט געדרוקט אין אמסטערדאם און עס איז דא דער זולצבאך ש"ס, א ביליגערע ש"ס וואס האט טעותים און איז נישט אזוי שיין אהערגעשטעלט.

האט רבי חיים וואלאזשינער אויסגעפירט: **האט דען דער זולצבאך ש"ס וועניגער קדושה ווי דער אמסטערדאם ש"ס? א ש"ס איז א ש"ס! א איד וואס לערנט תורה איז פונקט אזוי הייליג און מען דארף זיך אויפשטעלן פאר אים.**

די נקודה פון דער מעשה איז א מורא'דיגע חיזוק. יעדער איד האט א חלק אין דער תורה נישט קיין חילוק וויפל ער פארשטייט. יעדער בעל הבית, יונגערמאן, בחור און יונגעלע האט א חלק אין דער הייליגקייט פון דער תורה, יעדער לויט זיין דרגא. **יעדער איד קען זיין הייליג פונקט ווי דער גרויסער גאון** אויב לערנט ער תורה מיט התמדה אפילו אויב ער האט נישט דעם טיפן פארשטאנד ווי דעם גרויסן גאון.

# זיסקייט אין דער תורה

**דער נועם אליעזר פון סקולען** זצוק"ל האט געפרעגט, פארוואס בעט מען גלייך נאך ברכת התורה אז "והערב נא", די תורה לערנען זאל זיין זיס? מען זעט נישט ביי אנדערע מצוות אז מען זאל בעטן פאר זיסקייט.

האט ער געענטפערט, די הלכה איז אז אויב מען איז א "שותה מים לצמאון" דארף מען מאכן א ברכת שהכל, אבער אויב מען טרינקט וואסער סתם אזוי, אָן קיין סיבה אדער אָן קיין הנאה מאכט מען נישט קיין ברכה.

וועגן דעם בעט מען תיכף פאר א זיסקייט אין דער תורה, ווייל אויב מען האט חלילה נישט קיין זיסקייט אין לערנען קען די גאנצע ברכת התורה זיין א ברכה לבטלה, ווייל מען לערנט חלילה אָן א טעם, דערפאר בעט מען תיכף נאך דער ברכה אז מיר זאלן זיין א "שותה מים לצמאון", מען זאל זיין דארשטיג פאר'ן לערנען, דאס לערנען זאל זיין זיס, אזוי אז די ברכת התורה זאל האבן אויף וואס חל צו זיין.

# "חיימ'קע"

ווען דער גרויסער גאון דער **בית הלוי** איז געווען אין דער שטאט סמארגאן זיך משתתף צו זיין ביי די שבע ברכות פון זיין זון דער גרויסער גאון **רבי חיים בריסקער**, האבן די עסקנים פון שטאט געבעטן צו רעדן פריוואט צום רב איבער עפעס וואס

האט זיי געקוועטשט און זיי האבן געזוכט אן עצה.

ביי זיי אין שטאט זענען נעבעך דא ארעמעלייט, אידן וואס מען מוז העלפן. נישט נאר וואס עס איז נישט דא קיין ברויט אין שטוב, נאר זיי ציטערן נעבעך אין די קעלט יעצט אין די קאלטע ווינטער טעג, זיי האבן פשוט נישט קיין ביסל האלץ אין שטוב צו דערווארעמען די קאלטע ביינער פון זיך און זייער משפחה.

דער ווייטאג איז אבער נאך מער, צוליב וואס אין שטאט געפינט זיך גאר א גרויסער עושר וואס איז אבער גאר א קארגער. מ׳קען פון אים נישט ארויסזען א פרוטה איבער׳ן יאר. דאס קען מען נאך אפשר אראפשלינגען, אבער לאזן ארעמעלייט ציטערן פאר קעלט, דאס קען מען שוין נישט צוקוקן. און וויבאלד דער עושר געפינט זיך יעצט דא ביים שבע ברכות, האבן די עסקנים אויסגעפירט, אפשר האט דער רב אן עצה ווי אזוי מ׳קען ביי אים ארויסנעמען עפעס געלט צו העלפן די ארעמע, שרעקליך מיטגעמאכטע אידן אין שטאט.

"זארגט נישט", האט דער בית הלוי זיי געזאגט, "איר וועט זען אז ער וועט געבן שיין געלט, לאמיר נאר צוווארטן ביז נאך דער סעודה".

א וואונדער האט זיי באנומען איבער דער זיכערקייט פון רב, אבער אז דער רב זאגט וועט מען מקבל זיין און אויסווארטן.

נאך דער סעודה איז דער בית הלוי אריבער צו דעם עושר און געכאפט א שמועס מיט אים, ווען אינמיטן האט דער בית הלוי אנגעהויבן צו שמועסן מיט אים איבער די אלע וואונדער וואס די חרטומי מצרים האבן באוויזן און איבער די פילע מאמרי חז"ל איבער דעם, אויף וואס דער עושר האט געכאפט אן התפעלות און געפרעגט, "ווי אזוי קען זיין אז אמאל האט מען געקענט טון די אלע כישוף שטיק און היינט איז נישט דא קיין זכר פון די כוחות"?

האט דער בית הלוי געזאגט, "וואס איז דער חידוש? היינט קען מען אויך טון די סארט זאכן. איך קען אויך באווייזן די סארט וואונדער".

"אזוי?" זאגט דער עושר, "איך קען

עס נישט גלייבן, לאמיר זען".

האט דער בית הלוי געזאגט, "פיין, לאמיר מאכן א געשעפט. איך וועל לייגן אינמיטן טיש א שיסל מיט א דריטל וואסער, א דריטל אש און א דריטל אויל, און דו זאלסט לייגן ביי יעדן עק פון טיש באזונדער פינף און צוואנציג זילבערנע רובל. איך וועל דאן אויסרופן אייןווארט און וועסט זען וואונדער, די געלטער פון אלע עקן וועלן אנקומען צום שיסל אינדערמיט, דאס אלעס מיט'ן ארויסזאגן אינגאנצן איין ווארט.

"אויב בין איך מצליח דאס צו באווייזן", פירט אויס דער רב, "גייט דאס גאנצע געלט פאר צדקה. מיר האבן א געשעפט?"

"יא", האט דער עושר געענטפערט.

שטייט פארזאמלט ארום דעם טיש א גרויסער עולם צוקוקער זען דעם וואונדער, דער רב לאזט נישט קיינעם ווארטן און זאגט ארויס אן איין איינציג ווארט:

"חיים'קע".

דער חתן רבי חיים האט נישט געזשאלעוועט קיין צייט, ער גייט שנעל ארום דעם טיש, זאמלט איין די הונדערט זילבערנע רובל און לייגט עס אריין אינעם שיסל אינמיטן טיש.

"א מינוט, רב! דאס איז דאך נישט געווען קיין קונץ, דאס איז ס"ה געווען א חכמה'לע!" האט דער עושר אויסגערופן מיט אן איינגעפאלענעם פנים.

"יא, יא", האט דער רב אים געזאגט, **"די קונץ איז נישט געווען אז דאס געלט זאל אנקומען אינעם שיסל; די קונץ איז געווען ארויסצונעמען געלט פון דיין טאש פאר צדקה"**.

עס האט נישט געהאלפן קיין טענות, און דער עושר האט געמוזט געבן דאס געלט פאר צדקה. דער רב האט למעשה באוויזן אריינצובאקומען דאס געלט אין שיסל מיט איין ווארט...

# די תורה הק׳ איז אונזער ״חיימ׳קע״

די מעשה פונעם בריסקער רב זצ״ל קען אויך נוצן אלס א משל צו אונזער שמועס איבער לימוד התורה. ווייל ווען א מענטש קוקט אויפ׳ן גרויסן ספרים שאנק מיט טויזנטער ספרים פון ש״ס און פוסקים, ספרים פון ראשונים און אחרונים, קען אים כאפן א פחד: ווי אזוי קען איך אריינגעמען אין זיך און דערגרייכן צו לערנען און משיג זיין די תורה הק׳ וואס איז אזוי גרויס און טיף? ווי אזוי קען איך אנקומען אהין?

אבער ווען מען גיבט אן אינערליכע נשמה געשריי ״חיימ׳קע״! חיים! דאס איז אונזער לעבן! דאן ווערט דאס לערנען א געשמאקע זאך. ווען דער מענטש האט די הכרה אז תורה לערנען איז אונזער לעבן, און אז אָן דעם איז גארנישט, כאפט אים א שטארקייט און א העכערקייט זיך צו מקשר זיין צו דער הייליגער תורה מיט׳ן לערנען און מיט׳ן מקיים זיין.

קיינער פרעגט נישט ווי אזוי קען איך עסן א פיינעם גרויסן נאכטמאל, אדער ווי אזוי קען איך אטעמען צוואנציג טויזנט מאל א טאג, ווייל יעדער פארשטייט אז דאס איז לעבן, עס איז נאטירליך אזוי און מען מוז דאס האבן צום לעבן.

די תורה הק׳ איז פונקט אזוי און מיר דארפן האבן די הכרה אז דאס איז אונזער לעבן, אונזער רוחניות׳דיגע שפייז, און פונקט ווי בגשמיות קען מען טון און אנקומען אסאך, אזוי קען מען בסיעתא דשמיא מיט׳ן לערנען און מקיים זיין די תורה אויך אנקומען גאר אסאך.